שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

**אתה בחרתנו**

**אידיש**

**מאמר נ"ב**

ניסן שנת תשפ"ו לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

**ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל:** dyyms12@gmail.com

**וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים**

**נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9**

©

כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


אן אייביגער קשר ........................................ א

'אתה בחרתנו' גייט ארויף אויף יעדן איד ........................ ב

פון וואו הויבט זיך אָן אידישקייט? ........................ ב

יעדער האט אן אייגענע יציאת מצרים ........................ ד

וויפיל איז איבערגעגאנגען אויף נשמות ישראל ........................ ו

ער קוקט אויס לעבעדיג, אבער ער איז געשטארבן ........................ ו

ארויסגענומען פון דער גרעסטער טומאה ........................ ז

פון א נחש - א מטה אלקים ........................ ח

'אנא בריה קלה שבים'! ........................ ט

א קשר פון ממש איינס כביכול ........................ י

דער 'ברית עולם' אינעם טיפסטן 'מצרים' ........................ יב


**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# מאמר נ"ב

## 'אתה בחרתנו'

### עצרת חג הפסח שנת תשס"ז לפ"ק

**אן אייביגער קשר**

מיר וועלן רעדן נאר א האלבע ווארט, אז מען זאל נישט פארגעסן די דיבורים וואס ר' משה[א] האט גערעדט.

די שמחה פון "אתה בחרתנו מכל העמים" דאס איז דער שורש הבריאה, דאס איז דער תכלית הבריאה.

מען זעט אין '**סיפורי מעשיות**', אין כמה מעשיות, וואס דער רבי האט דאס מכוון געווען סיי 'לכללות כלל ישראל' און סיי 'לכל אחד ואחד מישראל', אז עס הויבט זיך אָן א קשר, א שטארקער קשר, א שורש'דיגער קשר (בין ישראל לאביהם שבשמים).

דערנאך וואס עס גייט אריבער, עס ווערט א התרחקות, עס גייט אריבער 'מים הזדונים' ברוחניות ובגשמיות, 'יאוש' און 'שברון לב', און 'תכלית היאוש' קען מען זאגן. און נאכדעם איז דער אויספיר, אז עס ווערט דערוועקט די 'אהבה הקדומה' אזוי ווי פריער, און עס ווערט נאך 'ביתר שאת וביתר עוז'.

אזוי ווי **רבי נתן** זאגט[ב], אז דער אויספיר וואס וועט זיך אויספירן 'לאחר התיקון' נאך די אלע זיכוכים, וועט זיין אזא שיינע בריאה,

---

**א.** ה"ה **הגה"ח רבי שמואל משה קרעמער שליט"א** מזקני אנ"ש, שמאז ומקדם דרשו הני תרי תלמידי חכמים לפני הקהל בבית מדרשינו הגדול מאה שערים ביומי דפגרי.

**ב.** עיין כוכבי אור, חכמה ובינה אות מ"א.

וואס (אפילו) אדם הראשון וואלט ווען נישט געגעסן פון דעם 'עץ הדעת', וואלט אזא שיינע בריאה נישט געווען! אזא קשר נפלא פון אידן מיט'ן אויבערשטן וואלט נישט געווען! נאר דווקא ווייל עס איז איבערגעגאנגען אזויפיל.

## 'אתה בחרתנו' גייט ארויף אויף יעדן איד

דער עיקר וואס מ'דארף וויסן, וואס דאס איז רוב פון דעם הייליגן רבי'נס דיבורים, אז דאס גייט אויף יעדן איינעם!

**דער 'אתה בחרתנו' גייט אויף יעדן איינעם, אויף יעדן איינעם ממש, 'פשוטו כמשמעו'!**

**יהיה מי שיהיה, יהיה איך שיהיה!**

**וואס איז אויף אים איבערגעגאנגען; און וואס ס'גייט איבער; יעדער איינער דארף זיך פרייען מיט דעם 'אתה בחרתנו'!**

דאס איז אַן אייביגע שמחה, און דאס איז אַן ענין פון א 'ברית עולם' פון דעם אויבערשטן מיט יעדן אידן, וואס דאס וועט קיינמאל נישט בטל ווערן, און דאס וועט ווערן אויסגעפירט בתכלית השלימות. דער אויבערשטער זאל נאר העלפן אז עס זאל זיין במהרה בימינו.

## פון וואו הויבט זיך אָן אידישקייט?

עס איז דא א ווארט, [אין די **גור'ער ספרים** שטייט עס[ג]], דער **פשיסחא'ער** האט אמאל געפרעגט דעם **קאצקער**: "פון וואנעט הויבט

---

**ג.** עיין שפתי צדיק בראשית אות א, וז"ל: **זקני הקדוש** (החידושי הרי"מ) **זצ"ל** סיפר אשר כל עובד השי"ת מהמתהלכים לפניו באמת, יש לכל אחד איזה פסוק אשר מזה התעורר לעלות, שאל **היהודי הקדוש זצ"ל** את **הרבי ר' בונם זצ"ל** איזהו פסוק יסודו, ענה מן **שאו מרום עיניכם וגו'** (ישעיה מ, כו), השיב לו אשר מפסוק זה יכולין כל האומות ליקח, ויהודי צריך להיות עיקר התקרבותו **מאנכי וגו'** (יתרו כ, ב), ע"כ, ע"ע 'שם משמואל' בראשית תער"ב, וז"ל: סיפר **כ"ק אבי אדומו"ר** (האבני נזר) **זצלה"ה, שכ"ק זקיני האדמו"ר הגדול זצללה"ה מקאצק** נשאל **מרבו הקדוש הר"ר בונם זצללה"ה מפרשיסחא** מאין לקח ההתעוררות שלו

זיך אָן דיין אידישקייט?" האט ער געזאגט, "'**כִּי אֶרְאֶה שָׁמֶיךָ מַעֲשֵׂי אֶצְבְּעֹתֶיךָ יָרֵחַ וְכוֹכָבִים אֲשֶׁר כּוֹנָנְתָּה**'[ד] - איך שפיר דעם גדלות הבורא פון די מעשה ה'".

דער **רבי** זאגט[ה] דאך, אויב מען איז נישט זוכה, איז דא "**אַלְבִּישׁ שָׁמַיִם קַדְרוּת**"[ו], מען זעט נישט די פלאות וואס דער אויבערשטער האלט אין איין טון ניסים.

עס **ווערט געברענגט**[ז], דער אויבערשטער טוט מיט יעדן איינעם אלע טאג די ניסים פון יציאת מצרים; נאר וואס דען? עס איז "אַלְבִּישׁ שָׁמַיִם קַדְרוּת", מען זעט נישט. אבער פאר אים האט עס געשיינט.

---

לעבודת השי"ת, והשיב לו כמ"ש 'שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה', ואמר לו רבו הקדוש שישראל צריכין ליקח התעוררות מיציאת מצרים, עכ"ל. (וע"ע 'שם משמואל' לך לך תרע"ז, ואתחנן תרע"ו).

**ד.** תהלים ח ד.

**ה.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תורה י"ז, אות ב', וז"ל: וכשנחשך אצל אחד היראה והאהבה, בבחינת (ישעיהו נ): אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם; וכו' כי לפעמים יש שנחשך אצל אחד אור הצדיק, ואינו זוכה להבין ולראות אורו הגדול, ואף שהוא אצל הצדיק, אינו יכול לטעם ולהבין ולראות אורו הגדול של הצדיק, שעל-ידו יוכל לבוא לתכלית הטוב. וכו' וכמו כן כשנחשך אור הצדיק, שהוא מאיר בכל העולמות, מכל שכן בעולם הזה, ואף-על-פי-כן אצלו אינו מאיר כלל, אדרבא הוא חשך אצלו, וזה מחמת עכירת המעשים וכסילות השכל, שעל-ידי מעשים רעים נתחשך שכלו בכסילות, דהינו דעות נפסדות וחכמות נכריות, כמו שכתוב (ירמיה ד): "חכמים המה להרע, ולהיטיב לא ידעו", כי על-ידי מעשיהם הרעים אינם יכולים להשתמש כלל בשכלם להיטיב, כי אם להרע, ועל-ידי כסילות השכל, על-ידי-זה אינו יכול לראות ולהבין אור הצדיק, ע"כ.

**ו.** ישעי' נ ג.

**ז.** עיין 'רמב"ן' עה"ת סוף פרשת בא, וז"ל: ומן הנסים הגדולים המפורסמים אדם מודה בנסים הנסתרים שהם יסוד התורה כלה שאין לאדם חלק בתורת משה רבינו עד שנאמין בכל דברינו ומקרינו שכלם נסים אין בהם טבע ומנהגו של עולם בין ברבים בין ביחיד אלא אם יעשה המצות יצליחנו שכרו ואם יעבור עליהם יכריתנו ענשו הכל בגזרת עליון כאשר הזכרתי כבר (בראשית יז א) (ולעיל ו ב) ויתפרסמו הנסים הנסתרים וכו', ע"כ. עיין עוד 'ליקוטי אמרים' (תניא) פרק מז: והנה בכל דור ודור **וכל יום ויום** חייב אדם לראות עצמו כאילו הוא יצא **היום** ממצרים. עכ"ל. ועיין עוד 'ליקוטי הלכות' הל' פסח ה"ז, אות ט"ז: **בחינת פסח ויציאת מצרים הוא בכל אדם ובכל זמן בכל שנה ושנה, וגם בכל יום ויום יש בו בחינת**

האט ער (- הרה"ק מפרשיסחא זי"ע) אים געענטפערט: אידישקייט הויבט זיך אָן פון 'יציאת מצרים'!

דאס הייסט, אזוי ווי בכללות איז דער 'אתה בחרתנו' געווען ביי 'יציאת מצרים', אזוי איז ביי יעדן איינעם, די אידישקייט זיינער דארף זיך אנהויבן פון 'יציאת מצרים'.

## יעדער האט אן אייגענע יציאת מצרים

דער רבי זאגט דאך אין **ליקוטי מוהר"ן**[ח]: **"כל הגלויות מכונים בשם מצרים על שם שמֵצֵרים לישראל"**[ט].

די **ראשונים** זאגן[י], דער טעם פון 'יציאת מצרים' איז, אריינצונעמען אין זיך אז דער אויבערשטער קען ארויסנעמען 'יעדן

---

**פסח ויציאת מצרים**, ועל כן צריכין להזכיר יציאת מצרים בכל יום, כמו שכתוב (שמות טז, ג') למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך, כי כל ההרהור וההתעוררות העליון הבא מלמעלה על כל אדם בכל יום ויום, זהו בחינת ההארה של יציאת מצרים, שהוא הארה עליונה שלא בהדרגה קודם אתערותא דלתתא כראוי, **כי זה הדבר נעשה בכל דור ובכל שנה ובל יום בכלל ובפרט**. כי השם יתברך מסבב עם האדם בכמה סיבות להחזירו בתשובה, לזכותו לחיים עולם הנצחי, והכל מה שהשם יתברך שולח על האדם מתחילה התעוררות עד שמתחיל להתעורר בתשובה ולילך בדרכי ה', זהו בחינת יציאת מצרים שבא ההארה מלמעלה וכו'.

**ח.** חלק א' תורה ד'.

**ט.** בראשית רבה טז ד.

**י.** עיין ספר 'דורשי יהודך' (פסח ח"א, מאמר א' - הוצאתיך מארץ מצרים), וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: מיין טאַטע ע"ה האָט מיר געזאגט אַז עס שטייט אין רמב"ן, איך האָב עס געזען פון רבי צדוק'ן, מן הסתם שטייט עס נאָך פון פריערדיגע. בשעת מען איז מקיים די מצוה פון מזכיר זיין יציאת מצרים דאַרף מען גלויבן אַז דער אויבערשטער קען מיר אַרויסנעמען פון מצרים און מקרב זיין צו 'פנים בפנים דבר ה' עמכם'... גלויבן אין מצרים איז מען געווען אין די ערגסטע מצבים אין דער וועלט ברוחניות ובגשמיות - און דער אויבערשטער האָט געהאָלפן! - אָט דאָס דארף אַריינברענגען אַ מענטשן אַז ער קען אַרויסגיין פון אַלע פלאָנטערן. ועיי"ש הערה ט"ו, העתקת לשון ספר פרי צדיק פרשת ואתחנן אות ה' שמביא גם מדברי הרמב"ן.

איינעם' פון זיינע מְצָרִים. פון זיינע מצָרים 'ברוחניות', פון זיינע מצָרים 'בגשמיות', אפילו אין אַן אופן וואס מען ווייסט נישט וויאזוי.

'מצרים' רופט זיך: "**כּוּר הַבַּרְזֶל**"[יא]. אזוי ווי א שונא וואס פארמאכט איינעם אין א 'כור הברזל', און מען הייצט דאס אָן 'בתכלית החום', און עס איז פארמאכט. עס מוז זיין פארמאכט, דעמאלט האלט זיך די היץ. און מען קען נישט ארויסגיין. ווי קען מען ארויסגיין?! עס איז נישטא קיין וועג, מען קען נישט ארויסגיין, א 'כור הברזל'.

און עם־כל־זה, אויף אזוי ווייט איז געווען דער ענין פון 'יציאת מצרים', וואס דער אויבערשטער האט ארויסגענומען יעדן איינעם בכללות און בפרטות פון זיינע 'כפירות', פון זיינע 'אפיקורסות', פון זיינע 'טומאות', פון אלע זיינע סארטן 'ייאוש'. און במשך מ"ט יום איז מען צוגעקומען צו קבלת התורה, פון "**אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי**"[יב].

אט דאס גייט ארויף אויף יעדן איינעם ממש! ממש אויף יעדן איינעם[יג]!

---

**יא.** דברים, ד, כ.

**יב.** שיר השירים ו ג.

**יג.** עיין 'ליקוטי הלכות' הלכות תפילין הל' ו' אות ל"ב וז"ל שם: וזה בחינת ספירת העומר ושבועות שהוא מתן תורה. וכו' ומחמת שבמצרים היה בלתי אפשר לקבל את התורה מריבוי זוהמתם, על כן היתה קשה הגאולה מאד רק שהשם יתברך בחמלתו ונפל אותיותיו הגדולים דלג על הקץ והאיר עליהם הארה עצומה שלא בהדרגה ושלא כסדר. דהיינו שאף על פי שלא זכו עדיין לתקון הברית כראוי ולא נטהרו עדיין מזוהמת מצרים ולא קיבלו את התורה אף על פי כן האיר עליהם מוחין גדולים מאד אף על פי שלא היו ראוים להם שעל ידי זה נגאלו. שזהו בחינת פסח שהוא לשון דילוג וקפיצה. והנה אחר הפסח מתחילין תיכף להמשיך על עצמן המוחין והדעת בהדרגה ובמדה מיום אל יום על ידי מצות ספירת העומר כמבואר בכוונות. והעיקר כי אז בימי הספירה אנו מטהרין עצמינו מזוהמת וטומאת מצרים. וכמו כן ממשיכין על עצמן הארת הדעת והמוחין הקדושים בכל יום ויום בהדרגה ובמדה כפי הספירה עד שזוכין עי"ז לקבל את התורה בשבועות וכו'. וזה היה עיקר גלות מצרים שנזדככו שם כמו בכור הברזל כמו שכתוב ואוציא אתכם מכור הברזל. והכל היה לתקן נצוצי קרי של אדם הראשון כידוע. היינו שהוכרחו לבא בגלות המר של מצרים ושיעבור עליהם מה שעבר שרצו הסטרא אחרא והקליפות לבלוע אותם ח"ו בזוהמתם הגדולה. והם צעקו בכל פעם אל ה' עד שזכו לגאולה אף על פי שלא היו כדאי. וכן עובר על כל אדם.

## וויפיל איז איבערגעגאנגען אויף נשמות ישראל

איך האב שוין איבערגעזאגט כמה פעמים פון דעם **קאזניצער מגיד**, זייער א הויכערווארט. א מורא'דיגער ווארט, צו מבאר זיין דעם ענין פון 'אתה בחרתנו'. אז דאס איז נישט קיין 'אתה בחרתנו' פון ערשט, נאר עס איז שוין אַן אלטע אלטע מעשה וואס איז איבערגעגאנגען (בראשית הבריאה).

עס ווערט געבראכט[יד], 'נשמות ישראל' זענען געווען ביים דור המבול; זיי זענען געווען ביים דור הפלגה; זיי זענען געווען ביי אנשי סדום; און אלע מצריים וואס יוסף האט גע'מל'עט זענען געשטארבן און געבוירן געווארן, און זענען אריינגעגאנגען אין 'זרע ישראל'.

פשט איז, עס איז אזוי שטארק איבערגעגאנגען אויף כלל ישראל, אזויפיל קליפות, אז נישט נאר מיר זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, נאר מיר זענען דאס געווען די 'מִצְרִיִּם', און מיר זענען ארויס פון מִצְרַיִם.

דאס גייט אויף יעדן איינעם, אויף יעדן איינעם!

## ער קוקט אויס לעבעדיג, אבער ער איז געשטארבן

מען זעט דאך טאקע, דער ערשטער מופת וואס משה רבינו האט געוויזן איז געווען, ווען דער אויבערשטער האט אים געזאגט ער זאל אריינטון דער האנט 'בחיקו' און עס ארויסנעמען, האט ער געזען אז עס איז "**מְצֹרַעַת כַּשָּׁלֶג**"[טו].

---

שכל ההרהורים והבלבולים העצומים והגדולים שעוברים עליו ורוצים לבלעו לגמרי ח"ו הכל לטובתו כדי שעל ידי זה דייקא יזדכך ויצטרף ויתלבן.

**יד.** עיין שער הכוונות (ענין פסח דרוש א). ובשער הפסוקים להרח"ו (שמות סימן א' דף כ"א ע"א).

**טו.** שמות ד ו.

(צרעת איז) די שטארקסטע טומאה[טז], און (שלג איז) די שטארקסטע 'צרעת'[יז]. 'צרעת' היילט זיך נישט על פי דרך הטבע, חוץ מיט די 'תיקוני הכהן'. 'עד היום הזה' איז ידוע, די וואס האבן די מחלה, גייען אפילו דאקטוירים נישט צו צו זיי. דאס איז אזא מין קליפה. דער **תרגום** זאגט אלעמאל אויף מצורע: **"סגירותא"**. און דער **זוהר**[יח] זאגט: **"סגירו דנהורא עילאה"**.

נישט נאר וואס ער איז 'שקוץ', און ער איז 'בדד' פון אלע מענטשן, און מען האט מורא צו שטיין נעבן אים אז מען זאל נישט טמא ווערן און מען זאל עס נישט איבערנעמען, און ער איז מרוחק און מנודה, **'מצורע חשוב כמת'**[יט], נאר ער איז אויך **'סגירו דנהורא עילאה'**! ער שפירט נישט קיין חיות אין לעבן, ער שפירט נישט קיין חיות אין אויבערשטן! דער 'אור עילאה' איז פארמאכט פאר אים. ער איז א 'מת' ממש. ער קוקט אויס לעבעדיג, אבער ער איז געשטארבן. אזא אומ'חיות האט א מצורע.

## ארויסגענומען פון דער גרעסטער טומאה

דאס האט משה רבינו געוויזן; ער האט אריינגעשטעלט דער האנט 'בחיקו', און ווען ער האט עס ארויסגענומען איז עס געווען 'מצורעת כשלג'. האט ער געוויזן די אידן: "איר זעט וואס דא טוט זיך? איר זעט ווי איר קוקט אויס? אזוי קוקט איר אויס!".

ער האט אריינגעשטעקט צוריק זיין האנט 'בחיקו', און ער האט עס ארויסגענומען צוריק, איז **"שָׁבָה כִּבְשָׂרוֹ"**!

---

**טז.** עיין ספר 'נצח ישראל' (מהר"ל מפראַג) פרק ז, וז"ל: ואין כח טומאה יותר מן הצרעת, לפי שהתורה אמרה בטומאה זאת (ויקרא יג, מו) "בדד ישב מחוץ למחנה", וזה לא נמצא בכל הטמאים.

**יז.** מסכת נגעים פ"א מ"א.

**יח.** ויקרא מט עב.

**יט.** נדרים ס"ד ב.

דער הייליגער רבי ברענגט אראפ אין **תורה פ"ג**, עס איז טאקע א תורה פון פסח[כ], אז "שבה כבשרו" מיינט, אזוי ווי דער 'בשר פון גן עדן', "**בָּשָׂר מִבְּשָׂרִי**"!

דאס הייסט, עס איז אראפגעגאנגען דער 'משכא דחויא', און דער בשר איז געווארן אזוי הייליג - אזוי ווי 'בשר של גן עדן'! אזוי ווי עס שטייט ביי משה רבינו[כא]: "**שַׁל נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ**" - טוה אויס דעם גוף, טוה אָן א הייליגן גוף.

אט דאס האט דער אויבערשטער געוויזן ווי ווייט ער קען העלפן, בכללות ובפרטות. זאל עס זיין דער ערגסטער מצורע, דאס ערגסטע סארט 'צרעת'; עס ווערט 'שבה כבשרו'; הייליג ווי אדם הראשון 'קודם החטא'!

אט דער חיזוק איז געווען דער ערשטער מופת וואס משה רבינו האט געוויזן דעם כלל ישראל - זיך נישט צו מייאש זיין!

וואס עס איז אויף אונז איבערגעגאנגען, און וואס עס גייט איבער אויף יעדן מענטש, דאס איז אלץ אלטע טומאות וואס מען דארף עס מזכך זיין. אבער זאלסטו וויסן זיין - האב חיזוק! האב חיזוק! דו זאלסט וויסן, 'אתה בחרתנו'! טאנץ און זינג און זיי פריילך! וועסטו זען אז דו וועסט איבערגיין, און עס וועט ווערן "שבה כבשרו".

## פון א נחש - א מטה אלקים

די זעלבע זאך אויך ביי דעם מופת פון דער מַטה: "**הַשְׁלִיכֵהוּ אַרְצָה**", איז עס געווארן 'לנחש' - "**וַיְהִי לְנָחָשׁ וַיָּנָס מֹשֶׁה מִפָּנָיו**"[כב].

---

**כ.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא, תורה פ"ג, וז"ל: ואז פושט גופו המצרע, שהוא ממשכא דחויא, ולובש בגדי שבת, היינו גוף קדוש מגן עדן. כי המקום גורם, בבחינת (שמות ג ה) 'של נעליך מעל רגליך כי המקום'. ועל שם הגוף הקדוש נקרא שבת, בבחינת 'והנה שבה כבשרו'- 'שנרפא מצרעתו', ונתלבש בגוף קדוש מגן עדן, הנקרא בשר, בבחינת: (בראשית ב, כג) 'בשר מבשרי'.

**כא.** שמות ג ה.

**כב.** שמות ד ג.

געוואלד - א נחש! (נאכדעם) האט ער זיי געוויזן ווי עס ווערט צוריק א שטעקן.

דאס איז דאס! א 'נחש' איז דאך א פארגיפטיגטע זאך, א טריפה'נע זאך, ברוחניות ובגשמיות. אבער אז דער אויבערשטער העלפט, ווערט דאס א 'מטה', א 'מטה אלקים'! "**וְאֶת הַמַּטֶּה הַזֶּה תִּקַּח בְּיָדֶךָ אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה בּוֹ אֶת הָאֹתֹת**"[כג]. עס דרייט זיך איבער!

אט דאס איז געווען די ערשטע צוויי מופתים פון משה'ן, אז מען זאל אנהויבן דערהערן דעם אמת'ן חיזוק, און נאר אזוי גייט מען ארויס פון מצרים, **נאר אזוי גייט מען ארויס פון מצרים!**

## 'אנא בריה קלה שבים'!

יעדער איינער האט אַן אלטן קשר מיט'ן אויבערשטן - אַן אלטן קשר!

ווי דער **רבי** ברענגט אראפ[כד]: "**אנא בריה קלה שבים, והוינא שין**

**כג.** שמות ד יז.

**כד.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תורה יז אות ח, וז"ל: "חזינא האי כורא דאפיק רישא ממיא והוי לה קרני, וחקיק עליהו: אנא בריה קלה שבים, והוינא שין פרסי, ואזלינא לפמא דלויתן" (בבא בתרא עד). – קרנא זה בחינת צדקה, שהוא בחינת "הון יסיף רעים" הנ"ל, שהוא עקר הקרן הקימת לעולם הבא, כמאמר מונבז (בבא בתרא י"א): אבותי גנזו למטה ואני גנזתי למעלה. וחקיק עליהו, הינו על-ידי הצדקה נעשה חקיקה, בחינת הכתב הנ"ל, כנ"ל, בבחינת "ושמעו הולך בכל המדינות", להטוב הכבוש בין העכו"ם, ומעוררו בתשובה לשוב לשרשו, **כי הטוב זוכר את עצמו. 'אנא בריה קלה שבים', היינו, שאני למעלה מכל העולמות.** ים היינו: ה'מם' הוא ארבע עולמות, 'יוד' הוא בחינת החכמה שמתפשט בכל העולמות, כמו שכתוב (תהלים ק"ד): "כלם בחכמה עשית". וזהו 'בריה קלה שבים', הינו שכמו שהדבר הקל הוא צף למעלה, כן הנשמה, שהוא הטוב, הוא למעלה מכל העולמות. 'והוינא שין פרסה', דהיינו שהנשמה נזכרת שהיתה בבחינת 'ישראל עלה במחשבה תחלה', והקדוש-ברוך-הוא נמלך בה בבריאת העולם, בבחינת "המה היוצרים ישבי נטעים עם המלך במלאכתו", שנמלך בנשמותיהן של ישראל בשעת בריאת העולם, דהיינו שהיא נזכרת שהיתה במעלה גדולה כזו כנ"ל, ועתה היא הולכת לכליון והפסד, חס ושלום. 'שין' זה בחינת המחשבה, שנחלקת לשלש ראשים: מחשבות שכליות, מחשבות מדותיות, מחשבה מעשיות. פרסה בחינת רגל,

**פרסי"**[כה], אז דער נפש ישראל זאגט: "איך בין א 'בריה קלה שֶׁבַּיָּם'. אזויווי א דבר קל שווימט ארויף אויבן, אזוי איז דא פיר עולמות, עשיה, יצירה, בריאה, אצילות, און מיר זענען די העכסטע, די העכסטע! אזויווי א דבר קל שווימט ארויף אויבן. און ערשט קוק איך אויס אויף א מצב פון 'עתידי פומיה דלויתן', וואס מ'וויל מיר מאכן אומגליקליך".

דאס איז יעדער איינער. און דאס איז די גאנצע זאך פון דעם רבינ'ס זאך. דער ענין פון חיזוק; האבן אמונה אין זיך; האבן אמונה אין דעם 'אתה בחרתנו'; האבן אמונה אז מ'האט אן אלטע קשר צום אויבערשטן - מיר זענען גרויסע ידידים צום אויבערשטן!

## א קשר פון ממש איינס כביכול

מען זאגט דאס איבער אלעמאל פון **קאזניצער מגיד**[כו], אז דאס איז געווען טאקע פאר קבלת התורה. נאך די מ"ט יום, דעם לעצטן טאג, ערב שבועות, האט משה רבינו גענומען דעם דם: "**חֲצִי הַדָּם וַיָּשֶׂם בָּאַגָּנֹת וַחֲצִי הַדָּם זָרַק עַל־הַמִּזְבֵּחַ**"[כז], און ער האט געזאגט "**הִנֵּה**

---

היינו עצה, כמו (שמות י"א): "וכל העם אשר ברגליך" הנמשכים אחר עצתך, הינו שהנשמה נזכרת שהיתה תחלה במחשבה, ובה נמלך ונתיעץ בבריאת עולמו. והשתא אזלינא לפמא דלויתן, הינו לכליון והפסד, חס ושלום, ועל-ידי-זה מרחמת על עצמה ונתעוררת לשוב לשרשה כנ"ל, ונעשין בעלי-תשובה וגרים כנ"ל.

**כה.** בבא בתרא עד ע"א.

**כו.** עיין 'עבודת ישראל' משפטים ד"ה ויקח, וז"ל: ויקח משה חצי הדם וישם באגנות וגו', ופירש"י מי חלקו בא מלאך וחלקו. ולכאורה תמוה דמאי ענין החלוקה דייקא לחצאין, ומאי נ"מ אם יהי' איזה חלק מרובה מחברו עד שהיה צריך המלאך לבא ולחלקו. י"ל לפי דרכנו לעיל בפרשת יתרו ע"ש, לפי שהמעשה הזאת היה בה' כסלו במזל תאומים, אשר נדבקו בני ישראל עם ה' תאומי צביה, ו'מבשרי אחזה אלוה' כמו יחוד למטה בין אהבת אוהבים שנאמר עליהם כי הם נפש אחד ודם אחד, וכן היה הרמז כאן על גודל אהבה, כי חשוב בעיני הש"י חצי הדם אשר זרק על העם כמו החצי אשר זרק על המזבח. וזה 'בא מלאך וחלקו', להורות בסוד 'לא הוא גדול ממנה, ולא היא גדולה ממנו'. והבן.

**כז.** שמות כד ו.

**דַּם הַבְּרִית**". מיט דעם ווערט איר ערשט פארבונדן מיט'ן אויבערשטן, מיט דעם דם, וואס האלב דם איז אויפ'ן מזבח, כביכול פאר די שכינה הקדושה, און האלב אויפ'ן כלל ישראל, אויף יעדן איינעם.

רש"י זאגט: "מי חלקו"? ווער האט דאס צעטיילט האלב? זאגט רש"י: "בא מלאך וחלקו". ס'איז געקומען א מלאך פון הימל, און האט דאס צעטיילט פונקט האלב, חצי הדם באגנות, ס'איז געווען פונקט 'חצי חצי'.

איז זאגט ער, אוואו געפינען מיר א מצוה, אז ס'זאל זיין אזוי שטארק מדויק אז א מלאך פון הימל זאל עס דארפן צעטיילן? א מענטש קען דאך גארנישט, אזוי איז דאך 'לא ניתנה תורה למלאכי השרת', א מלאך האט דאס געדארפט צעטיילן חצי חצי?!

זאגט ער, אז ס'איז דא א כלל ביי אן 'אוהב' מיט א 'נאהב', אז טאמער דער אוהב האלט זיך עפעס גרעסער פאר'ן נאהב, אדער דער נאהב האלט זיך מער גרעסער פאר'ן אוהב, פעלט דאס אין די אהבה.

דער אויבערשטער האט געזאגט צו אידן: מיר זענען אזוי מקושר, מיר זענען 'דם אחד ונפש אחד' - 'חצי חצי'. אזא מין קשר! אזא הויכער קשר האט יעדער איד צו השם יתברך!

און דאס איז דער ענין פארוואס די הזכרת יציאת מצרים איז א התחלה.

דאס איז טאקע דער לשון אליין, וואס מיט דעם זענען מיר מזכיר אלע טאג יציאת מצרים: "**כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לִהְיוֹת לָכֶם לֵאלֹקִים**"[כח] - דורכדעם צו ווערן נאנט צום אויבערשטן! עס זאל זיך דערוועקן ביי יעדן איינעם די 'אהבה קדומה קדומה', וואס יעדער איד איז געווען ביים אויבערשטן, במחשבה תחילה.

---

**כח.** במדבר טו מא.

## דער 'ברית עולם' אינעם טיפסטן 'מצרים'

דאס איז די זאך וואס איך האב געוואלט מוסיף זיין, אז דער ענין פון 'אתה בחרתנו' און דער ענין פון 'וקרבתנו לעבודתך' - לפי דעם הייליגן רבינ'ס דיבורים וואס מיר האבן מקבל געווען, גייט דאס אויף יעדן איינעם! דער חיזוק גייט אויף יעדן איינעם.

און אט דער חיזוק און דער אמונה, דאס ברענגט א שמחה! מען זאל זיך נישט איבערקוקן, אפילו ווען ס'דאכט זיך אז ברוחניות קען מען נישט ארויסגיין פון מצרים; בגשמיות קען מען נישט ארויסגיין פון מצרים; מען ווייסט נישט; עס איז נישטא קיין דרך הטבע צו געהאלפן ווערן.

עם־כל־זה, עם־כל־זה, דער אלטער ברית עולם, דאס וועט אלעס בייקומען! מען וועט ארויסגיין פון אלע מְצָרִים, ברוחניות ובגשמיות, און מען וועט ווערן מקורב צו השם יתברך. עס וועט ווערן נשפע אויפ'ן כלל ישראל: "**וְהַשִּׂיאֵנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת בִּרְכַּת מוֹעֲדֶיךָ, לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם, לְשִׂמְחָה וּלְשָׂשׂוֹן**".

עס זאל נמשך ווערן אויף אונז און אויפ'ן גאנצן כלל ישראל די ריכטיגע קשר - אונז מיט'ן אויבערשטן, און אלע מיני שפע ברוחניות ובגשמיות, ותחזינה עינינו.

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# יאמץ לבך

א מענטש דארף וויסן, סיי וויפיל ימים טובים ער האט, און סיי וואספארא יאר דאס איז, און סיי וואספארא זמן דאס איז, האט עס א שייכות צו מיר – וויבאלד איך לעב אין די יארן! [– דער אויבערשטער זאל אונז אלע געבן אורך ימים ושנות חיים טובים הרבה!] עס קערט צו אונז! עס קערט צו אונז!

מיר קענען נשלם ווערן **נאר** מיט דעם יום טוב – און דוקא ׳מיט דעם׳ און ׳מיט דעם׳ יאר; בשעת עס איז פסח – איז פסח, בשעת שבועות – איז שבועות, סוכות איז סוכות – נאר מיט דעם יאר ממש! עס האט א גרויסע שייכות, און מען קען (נשלם ווערן), ווייל עס איז א בחינת גאולה וואס יעדער איינער קען מאכן.

**דו מאך א שטיקל גאולה – וועט דער אויבערשטער מאכן א גאנצע גאולה.**

מיט איין נקודה קען מען ווערן ליכטיגער און ליכטיגער. עס איז א דבר ידוע, א מענטש ארבעט אמאל אויף איין זאך, וואס דאס גיט אים השתוקקות צו פארערעכטן נאך א זאך און נאך א זאך, **״מצוה גוררת מצוה״**, דאס איז טאקע דער חשבון הנפש וואס מען דארף האבן.

(מתוך ספר ׳דורשי יהודך׳ פסח ח״א – מאמר בני בכורי ישראל)